אַנדערע. נאָר דער גרעסטער טייל קינדער איז געבליבן ווי צוגעשמידט און נישט גערירט זיך פֿון אָרט. כּדי דער יצר־הרע זאָל זיי נישט גובֿר זײַן, האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פֿון טיש, נאָר די דיאַדקעס האָבן זיי געניט צו קוקן ווי יענע קינדער עסן. אַזוי זײַנען זיי אָפּגעשטאַנען נאָך אַ שעה, נאָר בײַגעשטאַנען דעם נסיון.

צוריק אין קאַזאַרמע האָט מען אָפּגעפֿירט נאָר די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שמדן זיך. די איבעריקע האָט מען אָפּגעשיידט און אַ לאַנגע צײַט, ביז זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשמדט, נישט צוגעלאָזן צו די. אין קאַזאַרמע האָבן די פֿאַרשמאַכטע קינדער באַקומען צו „שטיקלעך טרוקן ברויט.

געווען איז צווישן די קינדער אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר צען, אַ הויכער, אַ דאַרינקער, מיט ברענענדיקע אייגלעך, גערופֿן האָט מען אים מענדל. געווען איז ער אַ שנײַדערס אַ זון. נאָר ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן לערנען און פֿרומקייט. פֿון דעם ערשטן טאָג האָט ער גענומען אויף זיך די אָנפֿירונג מיט די קינדער, הייס אײַנגערעדט זיי צו גיין אויף קידוש־השם ווי דניאל, חנניה, מישאל ועזריה, און אויפֿגעוויזן וואָס פֿאַר אַ גרויס עולם־הבא זיי וועלן דערפֿאַר האָבן. אין אַ קורצער צײַט האָט ער באַקומען אַזאַ אײַנפֿלוס, אַז די קינדער זײַנען געווען גרייט נאָך זײַן וואָרט צו גיין אין פֿײַער און אין וואַסער. ער האָט אַלעמען באַהעפֿט מיט אַ שטרענגסטן תּקיעת־כּף, האָט אײַנגעפֿירט מ'זאָל אויפֿשטיין פֿריִער פֿון די דיאַדקעס און שטילערהייט אָפּדאַוונען. אָפֿט פֿלעגט ער אין מיטן נאַכט אויפֿוועקן די קינדער און לערנען מיט זיי אויסווייניק משניות.

און די עינויים כּדי צו נייטן די קינדער צו שמדן זיך האָבן נישט אויפֿגעהערט. מען האָט געשמיסן, געפּײַניקט מיט הונגער, געהאַלטן שעהען לאַנג באָרוועסע אויפֿן פֿראָסט. איין מאָל האָט מען זיי אויסגעשטעלט אויפֿן פּלאַץ און צו זיי געזאָגט:

— די וואָס זײַנען גרייט צו שמדן זיך זאָלן בלײַבן שטיין אויפֿן אָרט. און די וואָס ווילן נישט זאָלן מאַכן דרײַ טריט הינטער זיך.

און הינטער דער ריי קינדער זײַנען געשטאַנען סאָלדאַטן מיט



אויסגעשטרעקטע שטיקעס. די קינדער האָבן עס נישט געוווּסט. האָבן אָפּגעטראָטן און אָנגעשטאָכן זיך. פֿיל זײַנען פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. דאַן האָט מען זיי ווידער אויסגעשטעלט און איבערגעחזרט דעם זעלביקן באַפֿעל. און אַלע, חוץ צוויי, האָבן ווײַטער אָפּגעטראָטן צוריק אויף די שטיקעס.

דאָס צווייטע מאָל האָט מען אָפּגעפֿירט די קינדער ווײַט פֿון שטאָט, צוגעפֿירט צו אַ טײַך, בײַ וועלכן עס זײַנען געשטאַנען סאָלדאַטן אויף שיפֿלעך און מען האָט באַפֿעלט:

— די וואָס זײַנען גרייט צו שמדן זיך זאָלן אַרײַן אין די שיפֿלעך. די וואָס ווילן בלײַבן „זשידיוכעס" מוזן אַריבער דעם טײַך צו פֿוס, אין די קליידער.

דער טײַך איז געווען אַ ברייטער און אַ טיפֿער. קיינער פֿון די קינדער האָט נישט געקענט שווימען. עטלעכע האָבן זיך אָפּגעטיילט און אַוועק מיט אַ געוויין צו די שיפֿלעך. די איבעריקע זײַנען געשטאַנען אויף אַן אָרט. די סאָלדאַטן האָבן גענומען זיי טרײַבן: אָדער אין די שיפֿלעך, אָדער אין וואַסער. עס איז געוואָרן אַ יללה. דאָ איז אַרויסגעטראָטן מענדל און אַ געשריי געטאָן:

— קינדער! אויף קידוש־השם!

און מיט דעם געשריי „שמע ישׂראל" האָט ער זיך דער ערשטער אַ לאָז געטאָן אין טײַך און נאָך אים די איבעריקע. און גלײַך האָבן זיי אָנגעהויבן טרינקען זיך. די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן נישט דערוואַרט, אַז די קינדער וועלן זיך וואַרפֿן אין וואַסער, האָבן זיך דערשראָקן און גענומען ראַטעווען זיי. צוויי זײַנען דערטרונקען געוואָרן. עטלעכע האָט מען אַרויסגעצויגן האַלב טויטע.

און פֿיל אַנדערע נסיונות איז אויסגעקומען די קינדער אויסצושטיין. און מ'איז אויסגעשטאַנען.

אין אַ צײַט אַרום האָט זיך אין קאַזאַרמע באַוויזן דער צוועלף־יעריקער אַבֿרהמל. ער איז שוין געווען געשמדט און מ'האָט אים צוגעשיקט איבעררעדן די איבעריקע. ער איז געווען גוט געקליידט און האָט געהאַט בײַ זיך קאָנפֿעקטן און קליינגעלט. אים האָט זיך

אײַנגעגעבן צו ווירקן נאָר אויף אײן זיבן יעריקן קראַנקן ייִנגעלע. נאָר מיט אַ מאָל איז ער זיך צונויפֿגעקומען מיט מענדלען און פֿלעגט שעהען לאַנג אָפּזיצן מיט אים אין אַ ווינקל און סודען זיך. די קינדער האָבן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס דאָס באַדײַט. מיט אַ מאָל איז אַבֿרהמל פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און מער נישט געוויזן זיך אין קאַזאַרמע.

עס איז פֿאַרבײַ אַ חודש. אײן מאָל, בײַ נאַכט, האָבן צוויי סאָלדאַטן אַרײַנגעטראָגן אין קאַזאַרמע אַ שינעל, אין וועלכן עס איז געווען עטוואָס אײַנגעוויקלט, האָבן עס אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און מיט די ווערטער „נעמט עס צו, דאָס איז אײַערס!“, זײַנען זיי צוריק אַוועק. די קינדער האָבן פֿונאַנדערגעוויקלט דעם שינעל און געפֿונען דאָרטן אַבֿרהמלען. אין גאַנצן אַ צעהאַקטן, אַ צעבלוטיקטן, מיט אַ בלויען, געשוואָלענעם און צעשניטענעם רוקן ביז די אַנטבלויזטע בײנער. ער איז געווען אָן באַוווּסטזײַן. מ׳האָט אים באַשפּריצט מיט וואַסער, געבראַכט צו זיך, האָט ער געבעטן, מ׳זאָל מיט אים זאָגן ווידוי. קײנער האָט נישט געקענט אויסווייניק. האָט מען מיט אים געזאָגט על חטא. נאָר אײדער ער האָט געענדיקט האָט ער ווידער פֿאַרלוירן דאָס באַוווּסטזײַן און צו אין דער פֿרי געשטאָרבן. מ׳האָט דערלויבט די קינדער מקבר זײַן אים ווי אַ ייִדן. שפּעטער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אונטער דער ווירקונג פֿון מענדלען האָט אַבֿרהמל באַשטימט תשובֿה טאָן און מוסר נפֿש זײַן זיך על קידוש־השם. אײן מאָל, אַז מ׳האָט די געשמדטע קינדער געפֿירט אין קירך, האָט ער אַראָפּגעריסן דאָס צלמל, גענומען עס טרעטן מיט די פֿיס און זידלען. מ׳האָט אים באַלד אַרעסטירט, געמשפּט און פֿאַרמשפּט צו פֿינף הונדערט ריטער — „סקוואָז סטראָי“[2].

ווי שטאַרק די קינדער האָבן זיך נישט געהאַלטן, דאָך האָט זיך זײער צאָל אַלץ געמינערט. פֿיל זײַנען געשטאָרבן פֿון די קלעפּ און אָפּצערונג. עטלעכע האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. דערצו האָט

[2] דורכגײענדיק צווישן צוויי רייען סאָלדאַטן מיט קאַנטשיקעס.



מען פֿון זיי אויסגעטײלט אַ קינדער צוואַנציק און איבערגעגעבן אין די דערפֿער צו פּויערים. דאָרט זײַנען זיי אויסגעשטאַנען שרעקלעכע עינויים. אָפּגעריסן פֿון די חבֿרים, זײַנען זיי ביסלעכווײַז פֿאַרגרעבט געוואָרן און כּמעט אַלע האָבן זיך געשמדט. צווישן די אָפּגעשיקטע אין דאָרף איז געווען אויך מענדל. ער איז אַנטלאָפֿן פֿון פּויער, צו וועלכן מ׳האָט אים אָפּגעגעבן. מען האָט אים געכאַפּט, שטאַרק געשמיסן און אומגעקערט צום באַלעבאָס. אין גיכן איז ער ווידער אַנטלאָפֿן. דאָס מאָל, אַז מען האָט אים געכאַפּט און געבראַכט משפּטן, האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון פֿענצטער פֿון דריטן שטאָק און איז געהרגעט געוואָרן.

דאָס איז שוין געווען אויפֿן צווייטן יאָר. די קאַנטאָניסטן[3] זײַנען געווען אָפּגעשיקט אין וויאַטקע. פֿון צוויי הונדערט קינדער זײַנען געבליבן ייִדן נאָר צוועלף. דער אָנפֿירער זײערער אויף מענדלס אָרט איז געוואָרן גרשון פֿאַלק. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן אײַנפֿלוס אויף די חבֿרים און זיי זײַנען אַלע געבליבן ייִדן. זיי האָבן אײַנגעפֿירט צווישן זיך בנוגע צו ייִדישקייט די זעלביקע שטרענגקייט, וואָס האָט געהערשט אין קאַזאַרמע. זיי האָבן פֿאַרשריבן אין פּנקס תּקנות, וועלכע באַשטראָפֿונג עס קומט פֿאַר יעדע עבֿירה: פֿאַר פֿאַרפֿעלן אַ דאַווענען אין דער וואָכן — צען שמיץ; שבת — צוואַנציק; פֿאַר חילול־שבת — פֿון צען ביז דרײַסיק שמיץ. פֿאַר עסן טריפֿה פֿופֿציק שמיץ. מען האָט שטרענג אויסגעפֿירט די שטראָפֿן און קײנער פֿון דער מאַכט האָט נישט געוווּסט דערפֿון.

גאַנצע פֿיר יאָר האָבן זיך געצויגן די עינויים. נאָר ביסלעכווײַז האָבן די תּלינים אײַנגעמידט זיך און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף די קינדער. אײניקע האָבן אַפֿילו באַקומען אַ געוויסן דרך־ארץ פֿאַר זײער מוטיקע שטאַרקייט אין גלויבן. אײן מאָל איז געקומען אַן אַלטער גענעראַל, האָט זיי אַרויסגערופֿן און געפֿרעגט:

[3] די מינדעריאָריקע קינדער (אין 19טן י״ה) וואָס מ׳האָט „געכאַפּט“ און אָפּגעגעבן פֿאַר סאָלדאַטן.